ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# ויקהל

אידיש

**522**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שנים ועשרים

## ויקהל

אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לערנען פון די ביימער, געוויקסן און בעלי חיים, ווי צו דינען דעם אויבערשטן.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון צוויי און צוואַנציקסטער פרק


א. דער מענטש זאָל קוקן אויף די ביימער, וואָס זומער זענען זיי פול און זאַט, און ווינטער ווערן זיי פאַרוויעגלט און שטאַרבן אָפּ, פון דעם זאָל דער מענטש אַראָפּלערנען אַ מוסר. ....... ג

ב. אַ ביאור אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" ....... ד

ג. אַ מענטש זאָל טראַכטן אין האַרץ, פאַרוואָס זאָל אַ חיה וואָס מען באַנוצט איר פעל נאָכן טויט, זיין בעסער פונעם מענטש וואָס מיהאָט נישט קיין הנאה ווען ער שטאַרבט. ....... ה

ד. דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ זמירה, נישט איבערצורייסן פון לערנען תורה, אפילו אויב ער וועט ח"ו שטאַרבן צוליב זיין מי און מאַטערניש. ....... ו

ה. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אין האַרץ אויב זיין פנים וועט שוואַרץ ווערן דורך תורה לערנען ....... ז

ו. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם פוקס צו זיין קלוג אין יראת שמים ....... ז

ז. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ בין, אַז מען קען זיס מאַכן דעם דין דורך לערנען תורה, און אַז ער זאָל לערנען תורה בטהרה. ....... ז

ח. ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ שלאַנג וואָס שעדיגט אַנדערע און איר אַליין געשעהט נישט קיין שאָדן, און דער מענטש שעדיגט און עס קומט אויף אים אויך אַ שאָדן. ... ח

ט. עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן קיין שום חידוש, אַפילו אַ קליינער חידוש. ....... ח

י. די גרויסע מעלה פון פאַרשרייבן אַלעס וואָס מען איז מחדש אין תורה, און אויב דער מענטש טוט נישט אַזוי, ווערט ער באַשטראָפט. ....... ט

יא. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ נישט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון שלאַנג, וואָס דאָס איז דער יצר הרע. ....... י

יב. ער זאָל זיך אָפּלערנען פונעם ראַך (קענסאַר) וואָס געפינט זיך אויפן ים. וועגן די שלעכטע מידה פון פאַרברענגען צייט אומזיסט, זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ ווערימל. ....... י

יג. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין יעדן בעל חי אַ גוטע מדה, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אים אַ מוסר השכל ווי צו דינען דעם אויבערשטן. ... יא

יד. פון יעדער באַשעפעניש דאַרף אַ מענטש זיך אָפּלערנען אַ וועג צו דינען דעם אויבערשטן ....... יא

טו. אַן ענטפער אויף די טענה פון רשע, וואָס ער זאָגט אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן אויפן יצר הרע. ....... יב

טז. אַ מוראדיגע מעשה ....... יב

יז. זע די דביקות פון חור אין השי"ת – וואָס חור איז געהרג'עט געוואָרן אויף קידוש השם ....... יג

יח. דער מענטש זאָל זיך לערנען פון אליהו הנביא'ס אָקס, און פון די קראָען וואָס האָבן געברענגט ברויט און פלייש פאַר אליהו; פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צום משכן, כדי מען זאָל פון זיי שפּינען וואָל. ....... יד

יט. דער מענטש זאָל זיך לערנען היילגקייט פונעם עוף וואָס הייסט "חסידה"; פון די פאַרשידענע טויבן און הינער. ....... טו

# פרק שנים ועשרים

**דער מענטש זאָל קוקן אויף די ביימער, וואָס זומער זענען זיי פול און זאַט, און ווינטער ווערן זיי פאַרוויענגלט און שטאַרבן אָפּ, פון דעם זאָל דער מענטש אַראָפּלערנען אַ מוסר.**

**א. יראה האדם,** דער מענטש זאָל זען ווי די ביימער, גראָזן און רויזן זענען פריש זומער, די ביימער זענען באַשיינט מיט פירות, און אַלע געוויקסן שטייען מיט זייער געשטאַלט. עס איז אַ פאַרגעניגן צוזען. אָבער ווען עס קומט ווינטער ווערט אַלץ פאַרוויענגלט, די בלעטער פאַלן אַראָפּ און די פייכטקייט ווערט געמינערט.

**ב. והאדם,** דער מענטש איז געגליכן צו אַ בוים און צו גראָז. ווי אַזוי קען ער זיך פאַרזיכערן אויף זיין גוטס און געלט, און אויף דעם קראַפט פון זיין גוף? פונקט אַזוי ווי אויף די ביימער און גראָזן, אַזוי קומט אויך אויף דעם מענטש, אין האַלב פון זיינע יאָרן גייט ער אַריין אין ווינטער, און זיינע כוחות הייבן אָן שוואַך צו ווערן, זיין פנים און זיין טבע ווערט פאַרענדערט, און ער הייבט אָן צו פאַר׳מיאוס׳ן אין דער וועלט, און אין די טעמים פון עסן, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס הייבט אָן קראַנק צו ווערן פאַר׳מיאוס׳ט ער דאָס עסן, אפילו אויב עס איז גאַנץ גוט.

**ג. וכיון,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט באַמיען צו קומען צו דער רוואונג, אַז תיכף ווען ער קומט אויף דער וועלט זאָל ער זיך מטריח זיין אין אויבערשטנ׳ס דינסט, און ער זאָל זיך דערווייטערן פון גלוסטיקייט, און ער זאָל לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן, כדי אַז ווען עס וועלן קומען די טעג וואָס נאָך זיינע האַלבע יאָרן, וועלן אָנהייבן צו בליען די פירות פון זיינע גוטע מעשים,

און די חידושים וואָס ער האָט מחדש געווען אין דער תורה מיט זיין מידקייט, און ער וועט שטיין אין זיין געשטאַלט אַזוי פיל טעג וואָס האָבן גאָר קיין צאָל נישט, און וואָס ער וועט טוהן וועט ער באַגליקן.

**ד. גם,** אויך זאָל דער מענטש אום זומער, וואָס איז די צייט פון שפּאַצירן און תענוגים, דעמאָלט זאָל ער זיך אָפּטוהן פון אַלע תענוגים און פון אַלע עבירות, און אום ווינטער זאָל ער זיך פלייסן אין תורה לערנען מיט זיין כח, ווייל די נעכט זענען לאַנג, און די טעג זענען וואָלקנדיג, און עס גייט אַ רעגן די מערסטע צייט. דאַן זאָל ער פאַרברענגען זיין גאַנצע צייט אין תורה און מצוות, ווייל דעמאָלט גלוסט אים נישט צו גיין שפּאַצירן און זיך אָנצוטוהן תענוגים.

**ה. ובפרט,** באַזונדערס זאָל דער מענטש פאַרשטיין אַז אויב ער וועט זינדיגן אין די ווינטער טעג, ווען עס ווערן נישט געפונען די פיל תענוגים און שפּאַצירן, איז זיין עונש אַ דאָפּלטער, ווייל ער רייצט אַליין אָן דעם יצר הרע אויף זיך.

## אַ ביאור אויף די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך"

**ו. גם,** כדי דער מענטש זאָל זיך פאַרמיידן פון זינדיגן זאָל ער טראַכטן אַז ווען עס זאָל אים גרייכן אַ שלאַק פון אַ שווערד, און דאָס גלייכן, פילט ער אַ גרויסן צער, און דעריבער היט ער זיך דערפאַר. אַזוי דאַרף ער דעם צער נישט טוהן צו זיין חבר, אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה **ואהבת לרעך כמוך**, דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט אַזוי ווי דיך אַליין. און ווען ער איז הונגעריג, אָדער ער ווערט געשלאָגן, איז ער זיך דאָך מצער, ווי זאָל ער אַזוי טוהן צו זיין חבר, און דורך זיינע זינד קומט ח"ו בייז אויף אַלע אידן, ווייל אַלע אידן טראָגן אַן אחריות איינער פאַר דעם אַנדערן.

**ובשומו,** און ווען דער מענטש וועט טראַכטן אַז מיט זיינע זינד טוט ער זיין חבר אַ שאָדן, וואָס ער וואָלט נישט געוואָלט טוהן צו זיך אַליין, וועט ער זיך היטן פון צו זינדיגן. און אויב ער וועט

זינדיגן וועט ער תיכף תשובה טוהן כדי ער זאָל נישט שאָדן טוהן פאַר אַנדערע.

**והוא,** אַזוי קען מען אויך טייטשן דעם פסוק ״**אם כסף תלוה את עמי**״, אויב דו וועסט לייען געלט צו מיין פאָלק, ״**את העני עמך**״, זאָלסטו טראַכטן גלייך ווי דו ביסט אָרים, וואָלסטו דאָך געוואָלט אַז מען זאָל דיר באָרגן, אַזוי זאָלסטו אויך באָרגן צו דעם אָרעמאַן.

**ז. ועל,** דעריבער האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט אַז די גאַנצע תורה הענגט אָן אין דער מצוה פון **ואהבת לרעך כמוך**, דאָס איז ווייל דאָס בייז וואָס ער וויל פאַר זיך נישט טוהן, וועט ער עס פאַר זיין חבר אויך נישט טוהן, און דורך דעם וועט ער נישט זינדיגן, כדי דורך זיין זינד זאָל נישט זיין שלעכט ח״ו פאַר דער וועלט. אויך וועט ער טוהן מצות כדי אויף דער וועלט זאָל קומען גוטס דורך אים.

**אַ מענטש זאָל טראַכטן אין הארץ, פאַרוואָס זאָל אַ חיה וואָס מען באַנוצט איר פעל נאָכן טויט, זיין בעסער פונעם מענטש וואָס מ׳האָט נישט קיין הנאה ווען ער שטאַרבט.**

**ח. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ חיה וואָס איר פעל איז זייער גוט, און ווען זי פאַרשטייט אַז זי מוז שטאַרבן, שטעלט זי זיך אויף אַזאַ אָרט וואו מענטשן גייען, כדי מענטשן זאָלן הנאה האָבן פון איר פעל.

**ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט זען אַז מען זאָל פון אים הנאה האָבן ביים לעבן און נאָכן טויט. און אויב דער מענטש דינט דעם אויבערשטן, ווערט אין זיין זכות געשפייזט זיין דור, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַ בת קול איז אַרויסגעגאַנגען: די גאַנצע וועלט ווערט געשפייזט וועגן דעם זכות פון רבי חנינא בן דוסא.

**וגם,** אויך נאָך זיין טויט איז דער צדיק מתפלל אויף די לעבעדיגע,

און דער אויבערשטער ברוך הוא טוט גוטס מיט די וועלט פון זיינעט וועגן, אַזוי ווי עס שטייט אין **זוהר**, אַז די מתים זענען מתפלל פאַר די לעבעדיגע, אָבער ווען ער שטאַרבט ח"ו אַלס אַ רשע, וואָס וועט ער ענטפערן צום יום הדין, אַז פון אים האָט מען קיין הנאה נישט ביי זיין לעבן, און נישט נאָך זיין טויט.

**דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ זמירה, נישט איבערצורייסן פון לערנען תורה, אפילו אויב ער וועט ח"ו שטאַרבן צוליב זיין מי און מאַטערניש.**

**ט. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך אָפּלערנען פון דעם פויגל זמירה, אַז ער זאָל נישט מפסיק זיין זיין מויל פון לערנען תורה, און צו לויבן דעם אויבערשטן ברוך הוא, און ער זאָל גאָרנישט אויפהערן, ווייל די זמירה זינגט אום זומער צום אויבערשטן ברוך הוא אויף אַ בוים אָן אויפהער, און זי זאָרגט נישט וועגן איר לעבן, כאָטש זי נעמט דאָך קיין שום שכר נישט דערויף, איז אַ כל שכן אַז דער מענטש דאַרף נישט אויפהערן צו לערנען, און ער וועט דערפאַר באַקומען פיל שכר.

**י. וכמו,** און אַזוי ווי איך האָב מפרש געווען דעם מאמר אין דער גמרא **חש בראשו יעסוק בתורה**, כאָטש זיין קאָפּ טוט אים וויי, פונדעסטוועגן זאָל ער עוסק זיין אין דער תורה, און אַזוי אויך אויב ער האָט אַן אַנדערע קראַנקייט זאָל ער פונדעסטוועגן אויך לערנען, וועט דער באַשעפער זען זיין צער און ער וועט אים אויסהיילן.

**יא. וזהו,** און דאָס איז וואָס אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן איז פאַר זיין כבוד וועגן, כדי די מענטשן זאָל זיך פון זיי אָפּלערנען צו פאָרכטן זיך פאַר דעם אויבערשטן, און צו דינען אים און צו באַהעפטן זיך אין אים.

**דער מענטש זאָל נישט טראַכטן אין האַרץ אויב זיין פנים וועט שוואַרץ ווערן דורך תורה לערנען**

**יב. גם,** אויך זאָל דער מענטש נישט ווענדן זיין האַרץ צו דעם וואָס זיין פנים ווערט פאַרענדערט צוליב דעם וואָס ער לערנט תורה און טוט מצוות, ווייל מחמת דעם צער קויפט ער זיך לאַנגע טעג אויף עולם הבא און אַ לויטער פנים אויף אַזאַ וועלט וואָס איז נאָר גוט.

**יג. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ חיה וואָס אירע אייער העלפן צו אַ רפואה, און אַז מען יאָגט איר, ווייסט זי אַז עס איז וועגן די אייער, רייסט זי זיי אויס מיט אירע ציין, און וואַרפט זיי אַוועק און ווערט געראַטעוועט. זי ליידט יסורים, כדי צו בלייבן לעבן. איז דאָך אַוודאי געוויס, אַז דער מענטש דאַרף נישט רחמנות האָבן אויף דעם צער, בשעת ער לערנט תורה און מצוות, כדי צו קויפן פאַר זיך לאַנג לעבן און תענוגים פאַר דער נשמה אויף עולם הבא.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם פוקס צו זיין קלוג אין יראת שמים**

**יד. ילמוד,** ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ פוקס וואָס ער איז פול מיט ערמות און תחבולות צו זוכן זיין שפייז, און היטן זיין לעבן. דאַרף דער מענטש זיך אָפּלערנען פון אים צו זיין קלוג אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, ער זאָל טראַכטן תחבולות ווי אַזוי מקיים צו זיין אַלע מצוות צו היטן זיין לעבן, כדי ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם שטן.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ בין, אַז מען קען זיס מאַכן דעם דין דורך לערנען תורה, און אַז ער זאָל לערנען תורה בטהרה.**

**טו. ילמוד,** ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דער בין, וואָס זי מאַכט אין איר מויל די בלומען וואָס זי עסט, צו זיסן האָניג, און

וואַרפט עס אַרויס פון מויל אין בינען-שטאָק כדי די וועלט זאָלן דערפון הנאה האָבן. איז זיכער, אַז דורך תורה-לערנען קען דער מענטש, מיט דער פּאַרע פון זיין מויל, איבערקערן מדת הדין צו מדת הרחמים, און די גאַנצע וועלט זאָל הנאה האָבן פון זיין זיסקייט. און דעריבער לויבט דער אויבערשטער די אידן "און דיינע לעפצן טריפן זיסקייט", ווייל דורך די לעפצן וואָס לערנען תורה מאַכן זיי זיס די דינים אַזוי ווי האָניג, און ציט הנאה פון אַלע וועלטן.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ שלאַנג וואָס שעדיגט אַנדערע און אים אַליין געשעהט נישט קיין שאָדן, און דער מענטש שעדיגט און עס קומט אויף אים אויך אַ שאָדן.**

**טז. גם,** אויך פון דעם פאַרשאָלטענעם שלאַנג קען מען אָפּלערנען צום אויבערשטנס דינסט, ווייל דער שלאַנג שעדיגט אַנדערע כאָטש אים קומט דערפון גאָרנישט אַרויס.

**כ״ש,** זאָל דער מענטש זיך מטריח זיין צו ציען אַ הילף צו זיך און צו דער גאַנצער וועלט, ווייל פון זיינעטוועגן ווערט די וועלט געשפייזט, און אויב ער וועט ח״ו טוהן שלעכטע מעשים וועט עס שאָדן טוהן צו אים און צו דער גאַנצער וועלט, און ער איז ערגער פון אַ שלאַנג, ווייל דער שלאַנג איז מזיק אַנדערע, אָבער ער האָט נישט קיין שאָדן דערפון, אָבער דער מענטש וואָס טוט שלעכטס דערגרייכט זיין שאָדן צו אַנדערע און צו זיך זעלבסט, און וויפיל בושה וועט דערגרייכן דעם רשע ביי דעם יום הדין, אַז ער איז ערגער פון דעם שלאַנג.

**עס זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן קיין שום חידוש, אַפילו אַ קליינער חידוש.**

**יז. גם,** אויך וואָס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה, זאָל דאָס אין דיינע אויגן נישט קליין זיין, נאָר ער זאָל דאָס האַלטן גרויס און חשוב, און דאָס וועט אים ברענגען זיך מטריח צו זיין אַז ער זאָל מחדש זיין נאָך גרויסע חידושים.

**יח. ילמוד,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם וואָס מען זייעט איין אַ זאָמען וואָס איז גרויס ווי אַן אַרבעס און עס ווערט דערפון אַ גרויסער בוים, און פון זיינע צווייגן פלאַנצט מען נאָך פלאַנצונגען, ביז עס ווערן פיל גערטנער, און דאָס אַלץ איז, וואָס ביי דעם מענטשן איז נישט קליין געווען אַוועקצוואַרפן דעם זאָמען, נאָר ער האָט געזייעט און געהיט ביז עס איז געוואָרן ווייגערטנער.

**כך,** אַזוי אויך דאָס וואָס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה, כאָטש דאָס איז גאָר ווייניג, וועט ער אַלעמאָל מער מחדש זיין ביז ער וועט מחדש זיין גרויסע חידושים.

**די גרויסע מעלה פון פאַרשרייבן אַלעס וואָס מען איז מחדש אין תורה, און אויב דער מענטש טוט נישט אַזוי, ווערט ער באַשטראָפט.**

**יט. ומה,** און ווי גוט איז, אַז וואָס ער איז מחדש אין דער תורה זאָל ער אויפשרייבן, כדי ער זאָל עס נישט פאַרגעסן, אַזוי ווי עס שטייט אין אַ ספר, אַז דער מענטש וואָס שרייבט נישט אַראָפּ זיינע חידושים וועט ער דערפאַר אָפּגעבן דין און חשבון, ווייל מען זאָגט אים, אַ האַלבע פּרוטה האָסטו יאָ פאַרשריבן אין בוך, ווייל דו האָסט מורא געהאַט טאָמער וועסטו פאַרגעסן, און דאָס וואָס דו האָסט מחדש געווען אין דער תורה, האָסטו נישט מורא געהאַט טאָמער וועסטו עס פאַרגעסן, און דו האָסט עס נישט אויפגעשריבן אין דיין בוך.

**ונראה,** דאָס איז דער פשט וואָס די חכמים זכרונם לברכה זאָגן, מען רופט אויס אויפן הימל, וואויל איז צו דעם מענטש וואָס ער קומט אַהער, און האָט זיין לערנען אין זיינע הענט. די כוונה דערפון איז אויף דעם וואָס ער האָט מחדש געווען און האָט עס נישט פאַרגעסן, ווייל ער האָט עס אויפגעשריבן, און דורך דעם ווערט עס נישט פאַרגעסן פון דער וועלט.

**אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ נישט אַריינצופאַלן אין דער האַנט פון שלאַנג, וואָס דאָס איז דער יצר הרע.**

**כ. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך אָפּלערנען פון אַ קאַץ, צו טוהן אויף אַזעלכע אופנים אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון יצר הרע, נאָר אדרבא, ער זאָל נאָך טוהן אַזעלכע תחבולות, אַז דער שטן זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אים אין די הענט. ווייל די קאַץ, ווען זי זעט אַ שלאַנג גראָבט זי אויס אַ גרוב אין דער ערד זי זאָל קענען אַריינגיין, און פון דעם גריבל שלאָגט זי אים מיט די נעגל ביז זי האַרג׳עט אים. אַזוי אויך זאָל דער מענטש זוכן עצות ווי אַזוי ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון דער שלאַנג, דאָס איז דער יצר הרע, דורך תורה און מצוות, און צו געדענקען דעם טאָג פון טויט. דורך דעם קען מען אויסרייסן דעם יצר הרע. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אים דערווייטערן פון דעם יצר הרע דורך זיין גענאַד, און דורך זיינע פילצאָליגע חסדים, אמן.

**ער זאָל זיך אָפּלערנען פונעם ראַך (קענסאַר) וואָס געפינט זיך אויפן ים. וועגן די שלעכטע מידה פון פאַרברענגען צייט אומזיסט, זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ ווערימל.**

**כא. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך לערנען דרך ארץ פון "סרטן" (ראַך), וואָס עסט נאָר מיט צוויי פינגער, ווייל עס זענען דאָ מענטשן וואָס עסן מיט אַלע פינגער, און די וואָס עסן מיט זיי ווערט זיי דאָס עסן פאַר׳מיאוס׳ט, ביז זיי הערן אויף צו עסן.

**ובפרט,** און אויב דער מענטש וואָס עסט אָן דרך ארץ איז אַ תלמיד חכם, פאַרשוועכט ער זיין תורה, און אַלע וואָס זעען אים זאָגן, עס איז בעסער אַז מיר זענען נישט קיין תלמידי חכמים. ווײ איז צו זיי, ווייל די תורה ווערט ביי זיי איבערגעקערט צו ביטערקייט, עס וואָלט בעסער געווען פאַר זיי אויב עס זאָל נישט געווען אַרויסגיין

אויף זיי דער שם פון חכם, עס וואָלט בעסער געווען אויב זיי וואָלטן נישט געבוירן געוואָרן.

**כב. ובדברי רז״ל,** און אונזערע חכמים זאָגן, מיר דאַרפן זיך לערנען באַשיידנקייט – צניעות, פון אַ קעמל, און אַנטלויפן פון גזל זאָלן מיר לערנען פון דער מורישקע (נמלה), וואָס זי אַנטלויפט פון גזל. אויך ווערט פון איר אָפּגעלערנט ווי אַזוי מען דאַרף נישט ליידיג גיין, ווייל זי איז זיך מטריח מיט זריזות אָנצוגרייטן שפּייז פאַר זיך.

**דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין יעדן בעל חי אַ גוטע מדה, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען פון אים אַ מוסר השכל ווי צו דינען דעם אויבערשטן.**

**כג. כלל,** דער כלל איז, אַז כאָטש די תורה איז מודיע צו די מענטשן די וועגן פון לעבן און דרך ארץ, פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אַריינגעגעבן אַ טבע אין די באַשעפענישן גוטע זאַכן כדי דער מענטש זאָל זיך דערפון אָפּלערנען מקיים צו זיין די וועגן פון דער תורה, ער זאָל נישט זיין ערגער פון די באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן, און זיי גייען אויף פיר פיס.

**וע״י,** דער מענטש וועט דאַן לויפן צו דער תורה, צו לערנען די תורה כדי צו רעכטפאַרטיגן זיין וועג, איינצושאַפן זיך גוטע מידות און זיסע וועגן, וואָס זיי געבן אַ מעלה צו זיין נשמה אַרויפצוגיין ביזן כסא הכבוד, וואָס זי איז פון דאָרט באַשאַפן געוואָרן.

**פון יעדער באַשעפעניש דאַרף אַ מענטש זיך אָפּלערנען אַ וועג צו דינען דעם אויבערשטן**

**כד. למה,** פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט אָפּלערנען פון הימל און ערד, ימים און מדבריות, ביימער און גראָזן, בהמות

און חיות און עופות, וואָס זיי אַלע קענען זייער באַשעפער, און זיי זאָגן שירה יעדן טאָג, ווי עס שטייט אין פרק שירה.

**כה. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיין פויל אין דינסט פון זיין באַשעפער, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געמאַכט געוועלטיגן איבער אַלע באַשעפענישן, אַז ער זאָל זיין אַ האַר איבער זיי. נו, וואָס וועט ער ענטפערן ביי דעם יום הדין?

## אַן ענטפער אויף די טענה פון רשע, וואָס ער זאָגט אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן אויפן יצר הרע.

**דאין,** ער וועט נישט קענען ענטפערן, דער יצר הרע האָט מיך אָפּגערעדט, און ער איז פייער, און איך בין ווי שטעקלעך פון פלאַקס, ווייל מען וועט אים ווייזן פרומע מענטשן וואָס זענען בייגעשטאַנען קעגן זייער יצר הרע, און זיי האָבן אים גאָר מבטל געווען אינגאַנצן, און האָבן נישט געניגט קיין אויער אים צו הערן קעגן דער ליבשאַפט פונעם אויבערשטן.

## אַ מורא׳דיגע מעשה

**וכדרז״ל,** ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אַ מעשה, אַ חסיד האָט אַמאָל מתפלל געווען, איז געקומען אַ וואָלף און האָט געכאַפּט זיין זון, און ער האָט נישט מפסיק געווען פון זיין תפלה. דערנאָך האָבן זיינע תלמידים געזאָגט: ליבער רבי, פאַרוואָס האָסטו נישט רחמנות געהאַט בשעת דער וואָלף איז געקומען און האָט אַוועקגענומען דיין זון פון דיר?

**אמר,** האָט דער חסיד געזאָגט צו זיי: זאָל מיר ביישטיין דאָס וואָס איך האָב אויף אים נישט רחמנות געהאַט, כדי נישט מפסיק צו זיין אינמיטן דער תפילה.

**לא,** איידער ער האָט עס אַרויסגערעדט, איז דער וואָלף געקומען, און האָט אים צוריקגעברענגט דאָס קינד. האָט דער פאָטער געזאָגט

צום קינד: וואָס האָט דער וואָלף דיר געטוהן?

**אמר,** האָט דאָס קינד אים געענטפערט: ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פּאַסטקע, האָב איך געהערט ווי אַ בת-קול האָט געזאָגט צום וואָלף: נישט אויף דעם האָב איך דיך געשיקט, נאָר אויף אַן אַנדערן מענטש׳ס קינד.

**ולא,** דאָס קינד האָט נישט געענדיגט אויסצורעדן, האָבן זיי געהערט אַ קול פון געוויין, אַז אַ וואָלף האָט אַ ביס געטוהן יענעם מענטש׳ס זוהן.

**כו. וא״כ,** און ווי אַזוי וועט דער מענטש זיך קענען פּטר׳ן פון דעם דין, צו זאָגן, איך האָב נישט געקענט ביישטיין קעגן מיין יצר הרע? מען וועט אים זאָגן: זעסט דאָך אַז אַ סאַך מענטשן זענען יאָ בייגעשטאַנען קעגן דעם יצר הרע, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן מלחמה האַלטן מיט אים, האָט זיי דער אויבערשטער ברוך הוא געהאָלפן, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַז דער וואָס וויל גיין אין דעם אויבערשטנס וועג העלפט מען אים פון הימל, און פאַרוואָס ביסטו אויך נישט אַריינגעגאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט דיין יצר הרע, כדי מען זאָל דיר העלפן פון הימל? דעריבער ביסטו שולדיג.

## זע די דביקות פון חור אין השי״ת – וואָס חור איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אויף קידוש השם

**כז. הבט,** זע ווי חור איז געווען באַהעפט אין דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אויף קידוש השם כדי די אידן זאָלן נישט מאַכן דעם עגל, און דעריבער האָט ער זוכה געווען אַז עס איז פון אים אַרויסגעקומען בצלאל, וואָס ער האָט געמאַכט אַ משכן, כדי די שכינה זאָל דאָרט רוען.

**כח. גם,** אויך זאָל דער מענטש זיך אָפּלערנען פון די ציגן, וואָס זענען געקומען אַז מען זאָל פון זיי אָפּשפּינען וואָל צום

משכן.

**גם,** אויך זאָל ער זיך אָפּלערנען פון די פרעש, וואָס אין מצרים זענען זיי געלאָפן אין פייער, כדי צו הייליגן דעם אויבערשטן׳ס נאָמען. מכל שכן דער מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנד און עס איז אָנגעגרייט פאַר אים שכר, דאַרף ער זיך לאָזן הרג׳ענען פאַר דער תורה און פאַר דעם אויבערשטן׳ס דינסט, צו הייליגן זיין נאָמען, יתברך שמו.

**דער מענטש זאָל זיך לערנען פון אליהו הנביא׳ס אָקס, און פון די קראָען וואָס האָבן געברענגט ברויט און פלייש פאַר אליהו; פון די בהמות וואָס זענען אַליין געקומען צום משכן, כדי מען זאָל פון זיי שפּינען וואָל.**

**כט. ואמרו,** אין מדרש שטייט, דער אויבערשטער האָט געזאָגט: לערנט אייך אָפּ פון דעם אָקס פון אליהו, ווייל אליהו האָט געזאָגט צו די אידן, וועהלט אויס צוויי אָקסן, איינעם פאַר אַ קרבן פאַרן אויבערשטן׳ס וועגן, און איינעם פאַר די עבודה זרה, און זיי לאָזן זיך אויסוועהלן איין אָקס.

**ופרו,** דער אָקס פון אליהו האָט זיך תיכף נאָכגעצויגן נאָך אים. אָבער דעם אָקס וואָס איז געוועזן פאַר אַ קרבן צו דער עבודה זרה האָט מען נישט געקענט רירן פון אָרט, ביז אליהו האָט אים געזאָגט: גיי מיט זיי, ווייל פונקט אַזוי ווי דער נאָמען פון אויבערשטן ברוך הוא וועט געהייליגט ווערן דורך מיין אָקס, אַזוי וועט ער דורך דיר אויך געהייליגט ווערן.

**א״ל,** האָט דער אָקס געזאָגט צו אליהו: דו מוזט מיך אַליין איבערגעבן צו זיי. אַזוי שטייט אין פסוק, זיי האָבן גענומען דעם אָקס וואָס אליהו האָט זיי געגעבן.

**כתיב,** דערויף שטייט אין איוב ״**מלפנו מבהמות הארץ**״, ער מאַכט אונז לערנען פון די בהמות פון דער ערד.

**ל. אמר,** נאָך האָט דער אויבערשטער געזאָגט, לערנט אייך אָפּ פון די רויב-פויגל וואָס האָבן געשפּייזט אליהו, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אליהו, **"ואת העורבים צויתי לכלכלך שם"**, די רויב-פויגל האָב איך באַפוילן דיך דאָרט צו שפּייזן, און זיי האָבן פאַר אים געברענגט עסן פון יהושפט מלך יהודה, און נישט פון דעם רשע אחאב, ווייל ביי אחאב אין שטוב איז געווען עבודה זרה.

**הוי,** דאָס מיינט דער פסוק **"ומעוף השמים יחכמנו"**, פון די עופות וואָס פליען אונטער דעם הימל האָט ער אונז קלוג געמאַכט. האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געזאָגט, לערנט אייך אָפּ פון דעם אָקס פון אליהו, און פון די ראָבן, אַז איר זאָלט אייך נישט קערן צו די געצן.

**דער מענטש זאָל זיך לערנען הייליגקייט פונעם עוף וואָס הייסט "חסידה"; פון די פאַרשידענע טויבן און הינער.**

**לא. צא,** לערן זיך אָפּ הייליגקייט פון דער עוף חסידה, וואָס נאָך דעם ווי זי באַהעפּט זיך מיט איר מאַן טוב'לט זי זיך אין ים. און נאָך מער, זי צערנט אויף זנות.

**לא. גם,** אויך לערן זיך אָפּ פון טויבן וואָס זיי באַהעפטן זיך נאָר צו זייער זיווג. אויך זאָל ער זיך אָפּלערנען פון אַ האָן, וואָס ער בעט פריער איבער. און אַזוי וועסטו געפונען אָפּצולערנען פיל גוטע זאַכן פון באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן. און ווי אַזוי וועט דער מענטש קענען ביישטיין ביי דעם יום הדין, אַז ער איז ערגער פון די באַשעפענישן וואָס קענען נישט רעדן. אין פרק ל' וועלן מיר נאָך שרייבן דערפון.

בס"ד

**עץ חיים היא למחזיקים בה**

*לכבוד הרבני היקר עמוד*

*הצדקה והחסד*

*מקים עולה של תורה שמו*

*הטוב הולך לפניו מוהר"ר*

**ישכר דוב בן חנה ווייס**

שליט"א

אב"י בעיר לאס אנדזשעלעס

השי"ת יעזור שיזכה לכל

משאלות לבו לטובה

ולברכה בבריאות השלימות

ובנהורה מעליא.